**אויף תיכף ארויסצוגעבן** 11/22/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**דערקלערונג פון גאווערנער האקול אויף עריע קאונטי עקזעקיוטיוו מארק פאלאנקארץ'ס שטארקע שריט צו פארמיידן די פארשפרייטונג פון קאוויד-19 אין מערב ניו יארק**

"איך וויל אויסלויבן עריע קאונטי עקזעקיוטיוו מארק פאלאנקארץ פאר נעמען שטארקע שריט היינט צו פארמיידן די פארשפרייטונג פון קאוויד-19 אין מערב ניו יארק. דאס איז א ביישפיל פון די פירערשאפט וואס מיר דארפן זען אויף א לאקאלע שטאפל צו באקעמפן די טויטליכע ווירוס.

"אלס טייל פון אונזער אנגייענדע פארבינדונג מיט לאקאלע פירער, האב איך גערעדט מיט קאונטי עקזעקיוטיוון נעכטן פון יעדע ראיאן פון די סטעיט צו הערן ערשטהאנטיג זייערע פלענער צו באקעמפן די דעלטא וואריענט און צושאגן סטעיט געלטער און שטיצע צו מאכן וואקסינען און באסטערס נאכמער אוועילעבל אינעם צייט וואס מיר גייען אריין אינעם האלידעי סעזאן.

"לאמיר פארמיידן א העכערונג דעם ווינטער מיט די מיטלען וואס מיר ווייסן וועלן העלפן אפשטעלן די פארשפרייטונג פון קאוויד-19: ווערט וואקסינירט, באקומט די באסטער אויב איר זענט שוין וואקסינירט, און טראגט א מאסק ווען איר זענט אין א פאבליק פלאץ אינערוויייניג. שטופט עס מער נישט אפ."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov


זיך אויסשרייבן